בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן יום טוב'דיגן טיש

פרשת האזינו א'
ראש השנה
א' תשרי שנת תשפ"א
לפ"ק
שנה 2, גליון 1
(16)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן אִינְדֶערְפְרִי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג', דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵר.**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט וִוי דֶער קֵיסֶר פוּן דִי מְדִינָה אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אֶפִּיקוֹרֶס אוּן הָאט גֶעמַאכְט דִי גַאנְצֶע מְדִינָה פַאר אֶפִּיקוֹרְסִים, הָאט דֶער חָכָם גֶעזָאגְט פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה לָאמִיר גֵיין אִין מִדְבָּר כְּדֵי מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן גְלֵייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער, זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אִין מִדְבָּר, אוּן דֶער חָכָם הָאט גֶעמַאכְט אַ עִיגוּל - אַ רִינְג אַרוּם זֵיי, כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִישְׁט קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ זֵיי.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דֶער עִיגוּל דָאס אִיז 'אֱמוּנָה', וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ט) "וֶאֱמוּנָתְךָ סְבִיבוֹתֶיךָ"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ אַרוּם מִיט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן קֶען קֵיינֶער אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, וַוייל אַלֶע שֵׁדִים אוּן קְלִיפּוֹת הָאבְּן נָאר אַ שְׁלִיטָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ ווִילַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁוַואךְ אִין אֱמוּנָה, אָבֶּער וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, דַאן דַארְף עֶר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם.

מוֹהֲרַנְ"ת זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה (סִימָן ט'): "אִיךְ בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט זִיךְ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין קָאפּ אַז אִיר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט. קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן זִיכֶער קֶען קֵיינֶער אַייךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, אוּן אִיר זָאלְט נִישְׁט חַנְפְ'עֶנֶען צוּ קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן".

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז דֶער מְצִיאוּת בַּיי מֶענְטְשְׁן אַזוֹי, ווִילַאנְג עֶס גֵייט גוּט פַאר'ן

<<<

## אַ מַעֲשֶׂה פַאר'ן יוֹם טוֹב טִישׁ

מוֹהֲרַ"אשׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פוּן הֵיילִיגְן מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן יֶעדֶעס יָאר מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ מַאכְן אַ סְעוּדָה אוּן דֶערְבֵּיי דֶערְצֵיילְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶלְ'ט. אֵיין יָאר בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה אִיז דָארְט גֶעזֶעצְן אַ אִיד, דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער פוּן שְׁטָאט; עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן וָואס מֶען הָאט אִים אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אִין הִימְל, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד: "רֶבִּי, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אוּן וָואס הָאט מֶען מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זִי"ע אִים גֶעזָאגְט: "דוּ הָאסְט גֶעוֵויינְט בַּיים דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס דַיין פַּרְנָסָה אִיז צוּ זַיין אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער, אַ גַאנְצְן טָאג שְׁלֶעפְּסְטוּ וַואסֶער אוּן וֶוען דוּ רוּסְט זִיךְ אָפּ דֶערְמָאלְט כַאפְּסְטוּ אַרַיין אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים, דָאס יָאר ווִילְסְטוּ זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען מִיט בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְרִינְגֶערְהֵייט", וֶוען דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט זַיין פָּנִים אוֹיפְגֶעשַׁיינְט, עֶר רוּפְט זִיךְ צוּם מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד: "טַאקֶע דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן", אוּן עֶר פְרֶעגְט מִיט נֵייגֶערִיגְקֵייט וָואס מֶען הָאט אִים לְמַעֲשֶׂה אָנְגֶעשְׁרִיבְּן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִין הִימְל הָאט מֶען גֶעלַאכְט פוּן דִיר", פְרֶעגְט דֶער וַואסֶער טְרֶעגֶער: "אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁלֶעכְט גֶעבֶּעטְן? פַארְוָואס הָאט מֶען גֶעלַאכְט פוּן מִיר?" זָאגְט אִים דֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד אַזוֹי: "אִין הִימְל הָאט מֶען גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין שׁוּל וָואס דַארְף מֶען דִיר הָאבְּן... דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בִּילִי-בִּילְיָאנֶען מַלְאָכִים וָואס דִינֶען אִים אָן זִיךְ מוּטְשֶׁען אוֹיף פַּרְנָסָה אוּן אָן קַיין יֵצֶר הָרַע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דַוְקָא הֶערְן דַיינֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים וָואס דוּ כַאפְּסְט אַרוֹיס אִינְמִיטְן דַיין אַרְבֶּעט, עֶר ווִיל הֶערְן וִוי דוּ לוֹיבְּסְט אִים וֶוען עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער".

אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶר אִיז נִישְׁט חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל; עֶר טְרַאכְט: 'וָואס טוּ אִיךְ שׁוֹין? וֶוער דַארְף מִיר? וָואס אִיז וֶוערְד מַיין דַאוֶונֶען? מַיין תּוֹרָה, מַיינֶע מִצְוֹת?' עֶר מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל פוּן אִים עֶר זָאל וֶוערְן אַ מַלְאָךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דַוְקָא אוּנְזֶערֶע מִצְוֹת וָואס זֶעעֶן אוֹיס נִישְׁט חָשׁוּב; אִין הִימְל זֶענֶען דָא מַלְאָכִים, שְׂרָפִים, חַיּוֹת וְאוֹפַנֵּי הַקּוֹדֶשׁ וָואס גֵייעֶן אוּן שְׁטֵייעֶן אוּן פַאלְן נִישְׁט אַרָאפּ, דָאךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט וַוייל עֶר ווִיל הָאבְּן אַ נַחַת רוּחַ פוּן אוּנְז מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן, פַאלְן אוּן הֵייבְּן זִיךְ אוֹיף.

יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס מֶען טוּט, יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט אוּן יֶעדֶע וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פוּן דֶעם אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן)

מֶענְטְשׁ - הֶענְגְט עֶר אַלֶעס אָן אִין אַ טֶבַע מִקְרֶה מַזָל, עֶר טְרַאכְט נִישְׁט אַרַיין אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים אַ צָרָה לֹא עָלֵינוּ - דֶעמָאלְט דֶערְמַאנְט עֶר זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט שְׁטַארְקְט עֶר זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן אוּן בֶּעט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן; וִוי עֶס גֵייט דִי פְּלֶעי"ס (פָארְשְׁטֶעלוּנְגְן) פוּן דִי קִינְדֶער, בִּשְׁעַת מֶען שְׁפִּילְט אוֹיף דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע הֶעלְפְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה, דִי רוֹיבֶּערס הָאבְּן פַארְכַאפְּט וְכַדוֹמֶה - דֶעמָאלְט וֵויינְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען חַזֶר'ט צוּ זִיךְ אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט דִי גוּטֶע הֶעלְפְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה, וֶוען אַלֶעס גֵייט גוּט אַזוֹי וִוי גֶעפְּלַאנְט - דֶעמָאלְט הֶערְט מֶען נִישְׁט רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"שׁ: "קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן זִיכֶער קֶען קֵיינֶער אַייךְ נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן"; נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט נָאר גֶעדֶענְקְן בִּשְׁעַת אֵיינֶער וִויל דִיר שְׁלֶעכְטְס טוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, נָאר אוֹיךְ בִּשְׁעַת עֶס גֵייט דִיר גוּט אִיז עֶס אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַוַודַאי דַארְף מֶען טוּן הִשְׁתַּדְלוּת, מֶען דַארְף גֵיין אַרְבֶּעטְן אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דָאךְ דַארְף מֶען אָבֶּער גֶעדֶענְקְן אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אַז דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ קִידוּשׁ פוּן אַ חַבֵר אוּן עֶר הָאט דִיר לְכָבוֹד דֶעם גֶעגֶעבְּן אַ דַזְשׁאבּ - דָאס הָאט נִישְׁט מִיטְ'ן חַבֵר, דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דָאס אַז עֶס אִיז דִיר אַרוֹיס גֶעפַאלְן אַ דִיעֶל פוּן דִי הַאנְט וֶוען דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעמֵיינְט אַז דוּ וֶועסְט עֶס זִיכֶער בַּאקוּמֶען, דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוֶוען אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בֵּיצָה טז.): "כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְעַד יוֹם הַכִּפּוּרִים", רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דֶעם בּוּדְזשֶׁעט פוּנֶעם גַאנְצְן יָאר, "חוּץ מֵהוֹצָאַת שַׁבָּתוֹת וְהוֹצָאַת יוֹם טוֹב וְהוֹצָאַת בָּנָיו לְתַלְמוּד תּוֹרָה, שֶׁאִם פָּחַת פּוֹחֲתִין לוֹ, וְאִם הוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ", אוֹיסֶער עֶטְלִיכֶע זַאכְן וָואס דָאס וֶוענְדְט זִיךְ וִויפִיל דֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּט אוֹיס פַאר דֶעם - דִי קָאסְטְן פוּן שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, אוּן דִי קָאסְטְן פוּן שִׁיקְן דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען תּוֹרָה - וָואס אוֹיבּ גֶעבְּט עֶר מִיט אַ בְּרֵייטְקֵייט - צָאלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים צוּרִיק מִיט אַ בְּרֵייטְקֵייט, אוּן אוֹיבּ גֶעבְּט עֶר וֵוייִנִיג - צָאלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים צוּרִיק וֵוייִנִיג.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעלֵייגְט דֶערוֹיף: "הוֹצָאַת שַׁבָּתוֹת וְהוֹצָאַת יוֹם טוֹב" מֵיינְט מֶען אַז מֶען קוֹיפְט אַיין קְלֵיידֶער אוּן שִׁיךְ אוֹיף שַׁבָּת, אָדֶער דִי שַׁבָּתְ'דִיגֶע עֶסְן וִוי פִישׁ אוּן פְלֵיישׁ וְכַדוֹמֶה, אוּן אוֹיךְ דִי רוֹימֶערְקֶע (עֲרְלִית) וָואס רוֹימְט דִי הוֹיז לְכָבוֹד שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, אָבֶּער סְתָּם אִיבְּרִיגֶע זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט מִיטְ'ן שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב - דָאס וֶוערְט נִישְׁט אַרַיין גֶערֶעכְנְט אִין הוֹצָאַת שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁט גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער בְּרָכָה.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: נִישְׁט נָאר וֶוען דֶער דָאקְטֶער גֶעבְּט שׁוֹין אוֹיף אוֹיפְ'ן חוֹלֶה, אוּן הֵייבְּט זַיין הֶענְט זָאגֶענְדִיג: "מֶען קֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט טוּן" - דֶעמָאלְט רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זַיין גַאנְצְן לֶעבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וואוּסְנְדִיג: 'קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט גוּטְס טוּן אוּן קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן'.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אוּן עֶס אִיז פַאר הַאנְדִין אַ בּוֹים. וָואס אַז מִזָאל דֶעם בּוֹים אָן טְרֶענְקִין וָואלְט פוּן אוּנְז (הַיינוּ פוּן דִי שֵׁדִים) גָאר נִיט גִיבְּלִיבְּן.

דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מְקַרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְבָרִים כ, יט): "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", אוּן מֶען דַארְף עֶס אָנְטְרִינְקֶען מִיט אֱמוּנָה.

אִיבֶּער דֶעם שְׁטֵייעֶן תָּמִיד פוּן אוּנְז וָואס זֵיי גְרָאבְּן טָאג אוּן נַאכְט אוּן לָאזִין נִיט צוּ קֵיין וַואסֶער צוּ דֶעם בּוֹים. הָאט אִים גִיפְרֶעגְט דֶער אַנְדֶערֶער: נָאךְ וָואס בַּאדַארְף מֶען שְׁטֵיין טָאג אוּן נַאכְט אוּן גְרָאבִּין. אַ מֶער וִוי מִגְרָאבְּט אָפּ אֵיין מָאל אַז דָאס וַואסֶער זָאל נִיט קֶענֶען צוּ קוּמֶען. אִיז שׁוֹין גִינוּג. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. כַּאֲשֶׁר עֶס אִיז בַּיי אוּנְז פַארְהַאנְדְן מְדַבְּרִים (כְּלוֹמַר רֵיידֶערְס).

דִי מְדַבְּרִים - זֶענֶען מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן רֶבִּי'ן, זֵיי מַאכְן חוֹזֶק פוּן דִי וָואס טוּעֶן הֲפָצָה אוּן זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ רַאטֶעוֶוען אַנְדֶערֶע אִידְן זֵיי צוּבְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דִי מְדַבְּרִים גֵייעֶן אוּן מַאכִין קְרִיג צְווִישְׁן דֶעם מֶלֶךְ אוּן צְווִישְׁן דֶעם מֶלֶךְ אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט מִלְחָמוֹת. אוּן דוּרְךְ דִי מִלְחָמוֹת וֶוערְט עֶרְד צִיטֶערְנִישׁ. פַאלְט אַיין דִי עֶרְד וָואס אַרוּם דֶעם גְרָאבְּן קָאן קוּמֶען וַואסֶער צוּם בּוֹים. אִיבֶּער דֶעם מוּז מֶען שְׁטֵיין תָּמִיד אוּן גְרָאבִּין. אוּן אַז עֶס וֶוערְט אַ מֶלֶךְ צְווִישְׁן אוּנְז. מַאכְט מֶען פַאר אִים כָּל הַלֵיצָנוּת. אוּן מְאִיז פְרֵיילִיךְ. דֶער שְׁפֶּעט וִוי עֶר הָאט מַזִיק גִיוֶוען אַ קִינְד אוּן וִוי דִי יוֹלֶדֶת טְרוֹיעֶרְט דְרוֹיף. אוּן דֶער וַוייזְט אֵיין אַנְדֶער לֵיצָנוּת. אוּן אַזוֹי כַּמָה אִירְלֵיי לֵיצָנוּת. אוּן אַז דֶער מֶלֶךְ קוּמְט אִין שִׂמְחָה אַרַיין גֵייט עֶר אוּן שְׁפַּאצִירְט זִיךְ מִיט דִי שָׂרֵי מְלוּכָה. אוּן פְּרוּבְט זִיךְ אוֹיסְרַייסִין דֶעם בּוֹים. וָוארִין אַז דֶער בּוֹים זָאל גָאר נִיט זַיין. וָואלְט אוּנְז זֵייעֶר גוּט גִיוֶוען. אוּן דֶער מֶלֶךְ שְׁטַארְקְט זִיךְ דָאס הַארְץ זֵייעֶר כְּדֵי עֶר זָאל אוֹיסְרַייסִין דֶעם בּוֹים אִין גַאנְצִין. וִוי עֶר קוּמְט צוּם בּוֹים. טוּט דֶער בּוֹים אַ גְרוֹיסֶע גִישְׁרֵיי. אַזוֹי פַאלְט אוֹיף אִים אַ פַּחַד מוּז עֶר זִיךְ אוּם קֶערִין.

אַמָאל אִיז גִיוָוארְן אַ נַייעֶר מֶלֶךְ בַּיי אוּנְז (דְהַיינוּ בַּיי שֵׁדִים. וָוארִין דָאס הָאט אַלִין דֶערְצֵיילְט דֶער וָואלְקִין צוּ דֶעם שָׁלִיחַ כַּנַ"ל) הָאט מֶען פַאר אִים גִימַאכְט גְרוֹיסֶע לֵיצָנוּת. כַּנַ"ל. אִיז עֶר אַרַיין גִיקוּמֶען אִין גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ שְׁטַארְק הַארְץ זֵייעֶר. אוּן הָאט גִיוָואלְט אוֹיסְרַייסִין דֶעם בּוֹים גָאר אִין גַאנְצִין אוּן אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען זִיךְ שְׁפַּאצִירְן מִיט זַיינֶע שָׂרִים אוּן הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁטַארְקְט דָאס הַארְץ. אוּן אִיז צוּ גִילָאפִין אוֹיסְרַייסִין דֶעם בּוֹים אִין גַאנְצִין. וִוי עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּם בּוֹים. הָאט עֶר אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסִין גִישְׁרֵיי גִיטָאן. אִיז אוֹיף אִים גִיפַאלְן אַ פַּחַד. הָאט עֶר זִיךְ אוּם גִיקֶערְט אוּן אִיז גִיוֶוען אִין גְרוֹיס כַּעַס. אוּן אִיז קְרִיק גִיגַאנְגֶען. דֶערְוַוייל הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן מֶענְשְׁן זִיצִין (דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער חָכָם הַנַ"ל מִיט זַיינֶע מֶענְשִׁין) הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט פוּן זַיינֶע לַייט. אַז זֵיי זָאלִין עֶפֶּיס טוּן (דְהַיינוּ מַזִיק זַיין זֵיי אַזוֹי וִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז) וִוי דִי מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם חָכָם הָאבִּין זֵיי דֶער זֶעהְן אִיז אוֹיף זֵיי גִיפַאלִין אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד. הָאט זִיךְ דֶער זָקֵן (דְהַיינוּ דֶער חָכָם הַנַ"ל) אָנְגִירוּפְן צוּ זֵיי שְׁרֶעקְט אַייךְ נִיט.

וִוי דִי שֵׁדִים זֶענֶען אַהִין גִיקוּמֶען הָאבִּין זֵיי נִישְׁט גִיקֶענְט צוּ טְרֶעטִין מַחְמַת דֶעם עִיגוּל וָואס אַרוּם זֵיי אִיז גִיוֶוען. הָאט עֶר גִישִׁיקְט אַנְדֶערֶע שְׁלוּחִים. הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט גִיקֶענְט צוּ טְרֶעטִין. אִיז דֶער מֶלֶךְ גִיקוּמֶען אִין גְרוֹיס כַּעַס אַרַיין אוּן אִיז אַלֵיין גִיגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ נִיט גִיקֶענְט צוּ טְרֶעטִין צוּ זֵיי. הָאט עֶר גִיבֶּעטִין דֶעם זָקֵן

אַז עֶר זָאל אִים לָאזְן אַרַיין גֵיין צוּ זֵיי. הָאט אִים דֶער זָקֵן גְיזָאגְט. וַוייל דוּ בֶּעטְסְט מִיךְ. וֶועל אִיךְ דִיךְ יָא אַרַיין לָאזְן. לוּשְׁמִיר עֶס אִיז קֵיין שְׁטֵייגֶער נִיט אַז אַ מֶלֶךְ זָאל אַלֵיין גֵיין. עַל כֵּן וֶועל אִיךְ דִיךְ אַרַיין לָאזְן נָאךְ מִיט אֵיינֶעם. הָאט עֶר זֵיי גְיעֶפִינְט אַ טִירְל. זֶענֶען זֵיי אַרַיין גְיגַאנְגֶען. אוּן הָאט וִוידֶער פַארְשְׁלָאסְן דֶעם עִיגוּל.

דֶער חָכָם הָאט זִיךְ שְׁטֶערְקֶער אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין דִי אֱמוּנָה, וואוּסְנְדִיג אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן.

הָאט דֶער מֶלֶךְ גְיזָאגְט צוּם זָקֵן. וִוי קוּמְסְטוּ זִיךְ זֶעצְן אוֹיף מַיין אָרְט. הָאט עֶר אִים גְיזָאגְט. פַאר וָואס אִיז דָאס דַיין אָרְט. עֶס אִיז מַיין אָרְט. זָאגְט דֶער מֶלֶךְ צוּם זָקֵן. דוּ הָאסְט פַאר מִיר קֵיין מוֹרָא נִיט. זָאגְט עֶר: נֵיין. זָאגְט עֶר וִוידֶער דוּ הָאסְט קֵיין מוֹרָא נִיט. אוּן הָאט זִיךְ אוֹיס גְיצוֹיגְן אוּן אִיז גְיוָוארְן זֵייעֶר גְרוֹיס בִּיז אִין הִימְל. אוּן הָאט אִים גְיוָואלְט אַיין שְׁלִינְגֶען. זָאגְט דֶער זָקֵן. אִיךְ הָאבּ פָּארְט קֵיין מוֹרָא גָאר נִיט פַאר דִיר.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דִי גַאנְצֶע כֹּחַ וָואס דִי שֵׁדִים אוּן קְלִיפּוֹת הָאבְּן אִיז וַוארְפְן אַ פַּחַד אוּן מוֹרָא, אָבֶּער וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט מִיךְ אַרוּם אוּן הִיט מִיךְ - וֶוערְט מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן זֵיי, אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שֶׁעדִיגְן, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: "אַ סְגוּלָה קֶעגְן רְשָׁעִים - שֶׁלֹּא לִפְחֹד, נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן".

נָאר אַז אִיךְ וִויל. וֶועסְטוּ פַאר מִיר יָא מוֹרָא הָאבִּין. אוּן אִיז גְיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אַבִּיסְל מִתְפַּלֵל גְיוֶוען. אִיז גְיוָוארִין גְרוֹיסֶע וָואלְקִינְס. אוּן סֶע גְיוֶוען גְרוֹיסֶע דִינֶערְן. אוּן דֶער דִינֶער הַרְגִ'ט זֵיי זֵייעֶר אוֹיס. זֶענֶען גְיהַרְגֶעט גְיוָוארְן אַלֶע זַיינֶע שָׂרֵי מְלוּכָה וָואס זֶענֶען מִיט אִים גְיוֶוען אוּן סֶע מֶער נִיט גְיבְּלִיבְּן נָאר דֶער מֶלֶךְ מִיט דֶעם אֵיינֶעם וָואס עֶר אִיז מִיט אִים גְיוֶוען דָארְט אִין דֶעם עִיגוּל. הָאט עֶר אִים גְיבֶּעטְן (דְהַיינוּ דֶער מֶלֶךְ הָאט גְיבֶּעטִין דֶעם זָקֵן) אַז דֶער דוּנֶער זָאל אוֹיף הֶערִין. הָאט אוֹיף גְיהֶערְט.

הָאט דֶער מֶלֶךְ זִיךְ אָנְגְירוּפְן אוּן הָאט גְיזָאגְט צוּם זָקֵן. אַז דוּ בִּיסְט יָא אַזוֹי אַיין מֶענְטְשׁ. וֶועל אִיךְ דִיר שֶׁענְקֶען. אֵיין סֵפֶר פוּן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן דִי שֵׁדִים. וָוארִין סֶע פַאר הַאנְדִין בַּעֲלֵי שֵׁמוֹת. וָואס זֵיי וֵוייסִין מֶער נִיט נָאר פוּן אֵיין מִשְׁפָּחָה. אוּן אֲפִילוּ דִי מִשְׁפָּחָה וֵוייסִין זֵיי אוֹיךְ נִיט אִין גַאנְצִין. אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבִּין אֵיין סֵפֶר וָואס דְרִינֶען שְׁטֵייֶען אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת. וָוארִין בַּיי דֶעם מֶלֶךְ זֶענֶען זֵיי אַלֶע פַארְשְׁרִיבְּן. אוּן אֲפִילוּ וֶוער סֶע וֶוערְט גְיבּוֹירִין. וֶועט אוֹיךְ פַארְשְׁרִיבְּן בַּיי דֶעם מֶלֶךְ. הָאט דֶער מֶלֶךְ גְישִׁיקְט דֶעם אֵיינֶעם וָואס עֶר אִיז מִיט אִים גְיוֶוען. נָאךְ דֶעם סֵפֶר (נִמְצָא הָאט עֶר זֵייעֶר רֶעכְט גִיטָאן וָואס עֶר הָאט אִים אַרַיין גִילָאזְט נָאךְ מִיט אֵיינֶעם וָוארִין זוּסְט וֶועמֶען וָואלְט עֶר גִישִׁיקְט) הָאט עֶר אִים גִיבְּרַאכְט דָאס סֵפֶר. הָאט עֶר גִיעֶפִינְט דָאס סֵפֶר, הָאט עֶר גִיזֶעהְן עֶס שְׁטֵייט דְרִינֶען אֶלֶף אֲלָפִים וְרִבֵּי רְבָבוֹת זֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת. הָאט דֶער מֶלֶךְ צוּ גִיזָאגְט דֶעם זָקֵן. אַז זֵיי זָאלִין קֵיין מָאל נִיט מַזִיק זַיין דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זָקֵן. אוּן הָאט גִיהֵייסִין בְּרֶענְגֶען אַלֶע פַּאטְרֶעטִין פוּן זַיין גַאנְצֶער מִשְׁפָּחָה. אוּן אֲפִילוּ אַז עֶס וֶועט בַּיי זֵיי גִיבּוֹירִין וֶוערִין אֵיין קִינְד. זָאל מֶען תֵּיכֶף בְּרֶענְגֶען זַיין פַּאטְרֶעט כְּדֵי זֵיי זָאלִין נִיט מַזִיק זַיין קֵיינֶעם פוּן דֶער מִשְׁפָּחָה פוּן דֶעם זָקֵן.

דֶערְנָאךְ אַז סֶע גִיקוּמֶען דִי צַייט פוּן דֶעם זָקֵן אַז עֶר זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט. הָאט עֶר גִירוּפִין זַיינֶע קִינְדֶער. אוּן הָאט זֵיי צַוָואָה גִילָאזְט. אוּן הָאט צוּ זֵיי אַזוֹי גִיזָאגְט. אִיךְ לָאז אַייךְ אִיבֶּער דָאס סֵפֶר. אוּן אִיר זֶעט דוֹךְ אַז אִיךְ הָאבּ כֹּחַ צוּ נִיצְן מִיט דֶעם סֵפֶר בִּקְדוּשָׁה. אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָּארְט נִיץ אִיךְ דֶערְמִיט נִיט. נָאר אִיךְ הָאבּ אֱמוּנָה אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. זָאלְט אִיר אוֹיךְ דֶערְמִיט נִיט נוּצִין. אֲפִילוּ אַז עֶס וֶועט זִיךְ גִיפוּנֶען אֵיינֶער פוּן אַייךְ. וָואס עֶר וֶועט קֶענֶען נוּצִין דֶערְמִיט בִּקְדוּשָׁה. זָאל עֶר פָּארְט דֶערְמִיט נִיט נוּצִין. נָאר עֶר זָאל הָאבִּין אֱמוּנָה אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל שְׁרַייבְּט זֵייעֶר שַׁארְף (עַיֵּין בְּסֵפֶר שַׁעֲרֵי קְדוּשָׁה לְרַבִּי חַיִּים וִיטָאל זַצַ"ל, חֵלֶק ג' שַׁעַר ו') אַז מֶען טָאר נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין קַבָּלָה מַעֲשִׂית - בַּאשְׁוֶוערְן מַלְאָכִים אוּן שֵׁדִים וְכוּ', וַוייל מִיר זֶענֶען אַלֶע טְמֵאֵי מֵתִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי אֵפֶר פָּרָה אֲדוּמָה, מְמֵילָא טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאנוּצְן מִיט דֶעם וַוייל מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אַ סַכָּנָה. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁטַארְק אָנְגֶעוָוארְנְט אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נָאר בַּאנוּצְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קַיין שֵׁמוֹת אוּן חָכְמוֹת וְכוּ' וִוי זַיין אֵיינִיקְל דֶער הֵיילִיגֶער דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט (דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל עוֹד יֵשׁ לוֹמַר) אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַרִיבֶּער דֶעם גְרוֹיסְן טַייךְ דֶענִיֶעסְטֶער מִיט זַיין גַארְטְל - בְּלוֹיז מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער זָקֵן אָנְגֶעוָוארֶענְט זַיינֶע קִינְדֶער אֵיידֶער עֶר אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט בַּאנוּצְן מִיט דֶעם סֵפֶר נָאר הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער חָכָם גִישְׁטָארְבִּין. אוּן דָאס סֵפֶר אִיז גִיגַאנְגֶען בִּירוּשָׁה, אוּן עֶס אִיז אָן גִיקוּמֶען צוּ זַיין אֵיינִיקִיל. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט כֹּחַ צוּ נוּצִין דֶערְמִיט בִּקְדוּשָׁה. נָאר עֶר הָאט גִיהַאט אֱמוּנָה אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אוּן עֶר הָאט דֶערְמִיט נִיט גִינוּצְט. אַזוֹי וִוי דֶער זָקֵן הָאט צַוָואָה גִילָאזְט. אוּן דִי מְדַבְּרִים (דְהַיינוּ דִי וָואס זֵיי רֵיידִין אָן) וָואס עֶס אִיז פַאר הַאנְדִין צְווִישְׁן דִי שֵׁדִים. הָאבְּן אָן גִירֶעט דָאס אֵיינִיקִיל פוּן דֶעם זָקֵן. בַּאֲשֶׁר דוּ הָאסְט טֶעכְטֶער גְרוֹיסֶע. אוּן דוּ פַארְמָאגְסְט נִיט זֵיי מְפַרְנֵס צוּ זַיין אוּן זֵיי חַתוּנָה מַאכִין. עַל כֵּן פָּארִי דִיךְ מִיט דֶעם סֵפֶר.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: אַזוֹי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן, סְתָּם אַזוֹי לֶעבְּט עֶר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט בַּיים חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער דֶעמָאלְט פַאלְט עֶר אַרַיין אִין אֵייגֶענֶע חָכְמוֹת אוּן חֶשְׁבּוֹנוֹת, פַארְלִירְנְדִיג דִי פְּשׁוּטֶ'ע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן עֶר הָאט נִיט גְוואוּסְט אַ זֵיי רֵיידִין אִים דָאס אָן. אוּן עֶר הָאט גִימֵיינְט. אַז זַיין הַארְץ רֶעט אִים דָאס אָן. אִיז עֶר גִיפָארִין צוּ זַיין זֵיידִין אוֹיף זַיין קֶבֶר. אוּן הָאט אִים גִיפְרֶעגְט. בַּאֲשֶׁר דוּ הָאסְט גִילָאזְט צַוָואָה אַז מֶען זָאל נִיט נוּצִין מִיט דֶעם סֵפֶר. נָאר מִיר זָאלִין אֱמוּנָה הָאבִּין אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. הַיינְט. רֶעט מִיךְ אָן דָאס הַארְץ. אִיךְ זָאל דֶערְמִיט נוּצִין. הָאט אִים גִיעֶנְפֶערְט זַיין זֵיידֶע (וָואס עֶר אִיז גִישְׁטָארְבְּן) כָאטְשֶׁע דוּ קָאנְסְט נוּצִין דֶערְמִיט בִּקְדוּשָׁה. אִיז בֶּעסֶער אַ דוּ זָאלְסְט הָאבִּין אֱמוּנָה אִין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן זָאלְסְט דֶערְמִיט נִיט נוּצִין אוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶועט דִיר הֶעלְפִין. הָאט עֶר אַזוֹי גִיטָאן.

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ טוּן וֶוען עֶר הָאט אַ סָפֵק אִין לֶעבְּן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, טוּ וָואס דֶער אֵיינִיקְל פוּנֶעם חָכָם הָאט גֶעטוּן נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער עֶס רֶעדְט אִים, עֶר הָאט גֶעשְׂרִיגְן בַּיי זַיין זֵיידֶענְ'ס קֶבֶר: "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי מַיין הַארְץ רֶעדְט מִיר אָן אִיךְ זָאל דָאס נוּצְן אָדֶער דִי שֵׁדִים רֶעדְן דָאס מִיר צוּ"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן וֶוען מֶען הָאט אַ סָפֵק, עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין עֵצָה: גֵיין צוּ אַ קֶבֶר פוּן אַ צַדִּיק אוּן זִיךְ דָארְט

אויסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערשְׁטְן.

און אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן קִבְרֵי צַדִיקִים און בִּפְרָטִיּוּת דֶער צִיּוֹן פוּן רֶבִּי'ן, און דֶערְצֵיילְט: אַמָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזִיצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט זַיין טָאכְטֶער און זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט וִוי אַ פְרוֹי וֵויינְט אוֹיפְ'ן קֵבֶר פוּן אִיר טַאטֶע, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער: "דֶער מֵת אִיז בִּכְלָל נִישְׁט דָא און הֶערְט בִּכְלַל נִישְׁט אִיר וֵויינֶען, אָבֶּער וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין מִזֶה הָעוֹלָם און מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֵבֶר, וֶועל אִיךְ הֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט צוּ מִיר", און דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע צִימֶער און אִיר גֶעזָאגְט: "אַזוֹי וִוי אִיךְ קֶען הֶערְן דָא וֶוען דוּ רוּפְסְט מִיר פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אַזוֹי וֶועל אִיךְ הֶערְן וָואס דוּ וֶועסְט בֶּעטְן בַּיי מַיין צִיּוֹן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנו)".

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע טוֹבָה דָאס וָואס דֶער אֵייבֶּערשְׁטְן טוּט יֶעצְט מִיט אוּנְז אַז דִי גְרֶענִיצְן זֶענֶען פַארְמַאכְט, און מִיר זֶעעֶן נִישְׁט וִוי אַזוֹי מִיר וֶועלְן קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל דָאס פְרִישְׁט אוֹיף דָאס הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן, אִין אָנְהֵייבּ הָאט יֶעדֶער מְנִיעוֹת און שְׁוֶועריקֵייטְן צוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אָבֶּער בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן פַאלְן אַוֶועק דִי מְנִיעוֹת און מֶען וֶוערְט שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט 'מֶען פָארְט קַיין אוּמַאן', און מֶען פָארְט שׁוֹין אָן דִי אַמָאלִיגֶע פְרִישְׁקֵייט, אָבֶער יֶעצְט אַז מִיר דַארְפְן אַיינְרַייסְן בַּיים אֵייבֶּערשְׁטְן אַז דִי גְרֶענִיצְן זָאלְן זִיךְ עֶפֶענֶען און מֶען הָאפְט און וַוארְט 'וֶוען וֶועט זִיךְ דָאס שׁוֹין עֶפֶענֶען?' - דָאס פְרִישְׁט אוּנְז אוֹיף אַז מִיר זָאלְן זִיךְ דֶערְמַאנֶען פַארְוָואס מִיר פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, און וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רֶבִּי'ן.

מִיט תְּפִלָּה וֶועלְן מִיר עֶפֶענֶען דִי גְרֶענִיצְן, אַזוֹי וִוי דִי גְרֶענִיצְן הָאבְּן זִיךְ גֶעעֶפֶענְט יָארְן צוּרִיק וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי קַאמוּנִיזְם אִין רוּסְלַאנְד; יֶעצְט זֶעט מֶען וִוי דִי גַאנְצֶע מַצָּב פוּן אָפְּשְׁפַּארְן וְכוּ' אִיז בְּלוֹיז פָּאלִיטִיק, הַיינְט זֶעט דָאס שׁוֹין יֶעדֶער אַיין, אִין אָנְהֵייבּ הָאבְּן מֶענְטְשְׁן פְּרוּבִּירְט אַיינְצוּרֶעדְן מֶען מֵיינְט דֶעם אֵייבֶּערשְׁטְן, שְׁרֵייעֶנְדִיג: 'לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ'!, אָבֶער יֶעצְט וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט דֶער אֱמֶת, זֶעעֶנְדִיג וִוי דִי רֶעכְטֶע שְׁטֶעט הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט 'קָארָאנֶע' און דִי לִינְקֶע שְׁטֶעט הָאבְּן יָא 'קָארָאנֶע'... וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין? נָאר אַלֶעס אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע פָּאלִיטִיק.

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: אַז מֶען פָארְט קַיין אוּמַאן דַארְף מֶען גוּט וִויסְן, אִין אוּמַאן אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ גֵיין, אָדֶער גֵייט מֶען צוּם צִיּוֹן, אָדֶער גֵייט מֶען לֶערְנֶען, דַאוֶונֶען, שְׁלָאפְן, אָבֶּער פַאר קוּמְזִיצְן און סְתַּם פַארְבְּרֶענְגֶען - אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁט דָא קַיין צַייט.

מֶען דַארְפְט אוֹיךְ וִויסְן אַז דָאהִי הָאבְּן מִיר אוֹיךְ 'קִבְרֵי צַדִיקִים' וואוּ מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ, זִיךְ אוֹיסְקְלָארְן בַּיים צַדִיק אַלֶע סְפֵיקוֹת וָואס מֶען הָאט, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וְכוּ', עֶס נֶעמְט אִינְגַאנְצְן אַפָּאר מִינוּט זִיךְ אַרִיבֶּער צוּ כַאפְּן קַיין קְווִינְס צוּם צִיּוֹן פוּן אַדְמוֹרֵ"י לְיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, פַארְטָאגְס נֶעמְט דָאס אַ קְנַאפֶּע פִינְף און צְוָואנְצִיג מִינוּט, אָדֶער כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין מָאנְרָא צוּם צִיּוֹן פוּן סַאטְמַארֶ'ער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָדֶער קַיין מָאנְסִי צוּם צִיּוֹן פוּן רִיבְּנִיצֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אֲפִילוּ פַאר אַפָּאר מִינוּט לוֹינְט זִיךְ אוֹיךְ אַהִין צוּ גֵיין, אַבִּיסְל מִתְפַּלֵל זַיין, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם לָשׁוֹן אוֹיפְ'ן חָכָם: "און הָאט אַבִּיסְל מִתְפַּלֵל גִיוֶוען"; אַז עֶס קוּמְט דִיר אוֹיס צוּ זַיין אוֹיף אַ חֲתוּנָה וְכַדוֹמֶה אִין קִרְיַת יוֹאֵל אָדֶער אִין מָאנְסִי כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער צוּם צִיּוֹן וֶועסְטוּ זִיכֶער זֶען גְרוֹיסֶע נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן מִיט דִיר. און אַז דוּ זוּכְסְט וואוּ אַרוֹיס צוּ גֵיין מִיט דַיין וַוייבּ עֶרְגֶעץ אַוֶועק פָארְן, פָאר צוּ אַ צִיּוֹן פוּן אַ צַדִיק.

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט: אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם גוּרֶ'ער רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוֹיבּ גֵיין מִיט דִי וַוייבּ צוּם צִיּוֹן פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אִיז אַ סְגוּלָה פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי מִדָה פוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת א, יב): "הֱוֵי מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַהֲרֹן, אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם", אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט גֶעזוּכְט וִוי עֶר קֶען מַאכְן שָׁלוֹם, הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא, דָאס עֶצֶם אַרוֹיסְגֵיין צוּזַאמֶען מִיט דִי וַוייבּ אִיז אַ סְגוּלָה אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת..."

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט: עֶס זֶענֶען דָא צַייטְן וָואס מֶען פִירְט זִיךְ מֶען גֵייט נִישְׁט אִין קַיין בֵּית הַחַיִים, אוֹיךְ זָאלְן פְרוֹיעֶן נִישְׁט גֵיין אִין קַיין בֵּית הַחַיִים וְכוּ', דָאס אִיז טַאקֶע סְתַּם אַזוֹי, אָבֶער צוּ אַ צִיּוֹן פוּן אַ צַדִיק קֶען מֶען שְׁטֶענְדִיג גֵיין, אִין אַלֶע צַייטְן, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען יֶעדֶער גֵיין.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן שָׁלוֹם בַּיִת און גֶעזָאגְט: גֵיי אַהֵיים און מַאךְ אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה; וָואס אִיז שָׁלוֹם בַּיִת? וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בַּאקוּמֶען שָׁלוֹם בַּיִת? - רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, און גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער - אַזוֹי וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען שָׁלוֹם בַּיִת.

מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט דֶערְפוּן דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם דָאנֶערְשְׁטָאג אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען בַּיים שִׁיעוּר דַארְף אִיךְ עֶס אִיבֶּער זָאגְן: לֵיידֶער זֶענֶען דָא שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְס וָואס צֶעטֵיילְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער רַחֲמָנָא לִיצְלָן, און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעשְׁרִיגְן: עֶר זָאגְט אַז עֶר אִיז אַ 'פְּרָאפֶעשֶׁענֶעל' שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער... וואוּ קוּמְט אַרַיין אִין שָׁלוֹם בַּיִת "אַ 'פְּרָאפֶעשֶׁענֶעל'"?! בַּיי אַ קַאר דַארְף מֶען הָאבְּן אֵיינֶער אַ גוּטֶע 'פְּרָאפֶעשֶׁענֶעל' וָואס וֵוייסְט גוּט וִוי אַזוֹי אַ קַאר אַרְבֶּעט, עֶר וֶועט וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ פַארְרֶעכְטְן דֶעם קַאר, אָדֶער וֶוען דִי וֶוען פוּן יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ 'פְּרָאפֶעשֶׁענֶעל' עֶר זָאל זָאגְן צִי עֶס לוֹינְט נָאךְ צוּ טוֹישְׁן גֶעוִוויסֶע חֲלָקִים וְכַדוֹמֶה, אָבֶער בַּיי שָׁלוֹם בַּיִת דַארְף מֶען גָארְנִישְׁט וִויסְן, גֵיי אַהֵיים און גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דַיין וַוייבּ.

און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם שְׁמוּעֶס: אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה קֶען קֵיינֶער אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אָדֶער גוּטְס טוּן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, וִוי דֶער חָכָם הָאט גֶעזָאגְט צוּם מֶלֶךְ: "אִיךְ הָאבּ פָארְט קֵיין מוֹרָא גָאר נִיט פַאר דִיר".

אַז מִיר וֶועלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן מִיר מִיט תְּפִלָּה עֶפֶענֶען דִי גְרֶענִיצְן און מִיר וֶועלְן זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָמֵן.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג' - חֵלֶק י"

(פָארְגֶעלֶערְנְט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן תש"פ לִפְרָט קָטָן)